# פרשת ויחי

## בס"ד. התוועדות י"ט כסלו ה'תשל"ג

**הנחה פרטית בלתי מוגה**

דארף אויף זיין א השתדלות אז יעדער זאל איינפירן ער זאל בא זיך אין שטוב האבן ספרים, כדי ער זאל קענען לערנען אפילו אין די זמנים (אדער אין דעם אופן) וואס ער קען ניט באקומען ספרים ממקום אחר בשאילה, במתנה, ובאיזה אופן שיהי'.

און פונקט אזוי ווי מ'זאגט אז דירה נאה וכלים נאים און אשה נאה מרחיבין דעתו של אדם, אזוי זאל אויך זיין "התנאה לפניו במצות", אז ער קען האבן צוויי ספרים, איז דאס שענער ווי האבן איין ספר; אז ער קען דאס אוועקשטעלן אין א מקום מכובד, ניט שעמען זיך דערמיט און באהאלטן דאס אדער פאררוקן דאס וכו', איז "התנאה לפניו במצות", אז מ'זאל גלייך ארייננגייענדיק אין הויז זאל מען נאך איידער מ'גיט א פרעג, און איידער מ'קוקט זיך צו צו די אנשי הבית, דערקענט ער שוין אז ניט נאר אז דאס איז א דירה נאה, וואס עס האט א מזוזה, נאר עס האט אויך כלים נאים – אז ער האט דארטן ספרי קודש פון תורה שבכתב און תושבע"פ, און סיי אין נגלה סיי אין חסידות,

וואס דאס איז א זכות מיוחדת - בכלל פירט מען זיך בנוגע צי כלים (פורגיטשער, ווי מ'רופט עס דא אן), איז דאס איז מסדר און פארלאנגט און קלייבט אויס די עקרת הבית, זאל ביי איר אויך ארייננגיין א זי פארלאנגט אז עס דארף זיין כלים נאים – דער ענין פון כלים לדבר ה', וואס דאס איז תורת ה' ווי זי איז אראפגעקומען אין תושב"כ און תושבע"פ (וואס בימינו האט מען דאס אויך פארשריבן),

און דאס זאל זיין פון די תפארת הבית, אז אין אים איז דא א סאך ספרים און אסאך גוטע און שיינע ספרים,

וכאמור, אז דאס זאל ניט זיין אן ענין פון יוצא ווערן, נאר זי זאל קוקן אויף דעם, במילא וועט זי דאס אויך פועל'ן ביי די אלע וואס גייען אריין אין הויז, ועאכו"כ ביי די וואס לעבן אין הויז, וואס געפינען זיך אין הויז, אז זיי זאלן וויסן זיין אז דאס איז די אמת'ע תפארת הבית, אז בשעת מ'דארף עפעס האבן אן ענין פון תושב"כ ותושבע"פ אין הלכות הצריכות, אפילו די ענינים פון "יגדיל תורה ויאדיר" קען גלייך זי (אדער דער מאן אדער דער זון אדער פאטער אדער ברודער) צוגיין צו די פאליצע און גלייך ארויסנעמען פון דארט דעם ספר און א קוק טאן און לערנען,

וואס דעמאלט איז דאס א בית שקול תורה נשמע בו, סיי ביום ועאכו"כ בלילה, איז דעמאלט איז דאס ממשיך כל הברכות וואס איז דערמיט פארבונדן, ווי די גמרא איז מבאר אין תמיד אויף "קומי רוני בלילה".

מיט איין חילוק אין דעם: בנוגע צו כלים נאים איז וואס די כלי איז גאנצער איז דאך אלץ די כלי מער שענער; בנוגע צו ספרים דארף מען זיך משתדל זיין פארקערט, אז ס'זאל זיין וואס מער אפגעריסן און וואס מער צוריסן און אראפגעריסן די פאליצע וכו',

אבער ניט ח"ו אז מגייט קויפן א צוריסענעם ספר, דאס איז דער ציווי "זה א-לי ואנוהו – התנאה לפניו במצות", מ'דארף קויפן א ספר וואס איז געדרוקט שיין, און איינגעבונדן שיין, מיט אלע הידורים וואס ס'איז דא אין דעם, אבער גלייך ווי דער ספר גייט אריין לביתו, איז דער גאנצער השתדלות דארף זיין אז דער רוקן זאל זיין א צוריסענער, דער טאוול זאל זיין א צוריסענער, אינעווייניק זאל ווערן שווארץ פון ממשמוש הידים וכו',

איי איז די שאלה, וואס וועט זיין מיט "התנאה לפניו במצות" בשעת דער ספר שטייט אין אזא מין צושטאנד? איז הלואי אל ער ניט האבן קיין גרעסערע קשיא בלימוד התורה וקיום המצות, ווי אזוי קען ער מתוך זייןביידע



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת ויחי

ענינים צוזאמען; "התנאה לפניו במצות", צוזאמען מיט אז וואו ער האט א גמרא – אפילו סדר זרעים אפילו אין סדר קדשים, האט ער דאס געקויפט, איינגעבונדן שיין פיין און שטארק, ער האט אבער אזוי פיל געלערנט וכו׳ ביז וואנעט אז במשך זמן קצר בכמות איז דאס געווארן א זמן ארוך באיכות, און ביז ווענעט אז דער ספר איז געווארן א צוריסענער און ער דארף שוין טראכטן וועגן א צווייטן ספר קויפן במקומו.

וואס דאס איז ניט קיין סתירה וואס מ׳האט גערעדט בהנוגע צו ספריות, מצד צוויי טעמים:

ערשטנס איז דאך ביז וואנעט יעדער הויז וועט האבן ספרים קען דאך דורכגיין א משך זמן, און לימוד התורה איז דאך אן ענין וואס כל רגע ורגע דארף דאך זיין די מעגלעכקייט פון ספרים כדי ער זאל קענען לערנען תורה, און אויך מבפנים אויב ער קען ניט אויף אויסנווייניק, דארף מען האבן ביז דעמאלט די ספריות,

אפילו אויב עס וועט שוין זיין אין יעדער אידישער הויז די ספרים, איז קודם שיבוא משיח זעט זיך ניט אן אז יעדער הויז וועט האבן **אלע** ספרים פון תורה שבכתב און תושבע"פ, במילא וועט זיין גענוג ארט אין די ספריות אז זיי זאלן האבן בא זיך די ספרים וואס ניט כל אחד ואחד קען זיך פארגינען קויפן, און זיי זאלן זיין דער ענין פון "ומשאילן לאחרים",

וכולם ביחד זאלן מבסס זיין און מוסיף זיין אין לימוד התורה וואס דער ענין התורה איז דאך "דעה את ה׳", וויסן וואס דער אויבערשטער האט איבערגעגעבן בתורתו לכל בני ובנות ישראל וואס דאס איז עם קדושים, דורך תורה הקדושה,

וואס דאס וועט אויפטאן בנוגע לבית פרטי "ומלאה הארץ דעה את ה׳", אז די הויז ווערט פול מיט דעה את ה׳ און דאס וועט אראפברענגען – ווי גערעדט פריער – פון די גאולה פרטית די גאולה כללית, אז ס׳וועט מקויים ווערן בכל העולם כולו "ומלאה הארץ דעה את ה׳",



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.